# פרײַטיק צונאַכטס

יו שוין די שול גיפאַקט, קיין שפּילקע נישטאָ וואו צו וואַרפן.
נאר צו וואָס האט גיגעבּן דער אײבּישטער עלנבויגנס שאַרפע?
לאזט מען אין גאַנג זיי, נו, מיילן זיי כוואַליעס, ווי רודערס, און טאַרין,
שטופּס-ו דיך דורך אין דעם עולם פון טויזנטער, קיין עין-הרע.
רינט דער שווייס איבּער די אויגן, נאר קאַנסט אים נישט אָפּווישן, צוואַנגין
נעמין אַרום דײַנע הענט און דו בּיסט אין דער קלעם ווי גיפאַנגין.
נאר גילויבּט השם יתבּרך דאַפאר, בּיסט אין אײבּערשטע שורות,
וועסט זיין נאָענט צום רבּין און זען זיין הייליקע צורה.

וואַרט מען... זאָגסט אָפּ שיר השירים און זינגנדיק יעדעס וואָרט קרויינסטו,
שטעקסטו די הענט אײַן אין גאַרטל און הייבּסט די אויגן אויף, שטוינסטו:
דאַכט זיך, אַ נשמה יתירה האבּן די ווענט דאָ אַפילו!
און בּיים פּרוכת, אין פאַלדן פון סאַמיט, וויגן זיך תּפילות,
טוליען זיך צום אָרון-קודש, בּעטן בּיי הייליקע תּורות...
בּלישטשין שטיל קופּערנע הענגלײַכטער, שײַנין סוד זילבּערנע מנורות;
בּאַלד גיט דער עולם אַ וויג זיך מיט רעש, אַז ס-גייט אַזש אַ פּאַרע,
לויפן דורך יושבים, שטופּן גבּאים: אַ וואַרע! מאכט וואַרע!

גייט דורך דער רבּי מיט זריזות, כאָטש שוין פון עלטקייט גיבּויגן;
קנייטשט אין אַ שין זיך פון שדי זיין שטערן צווישן די אויגן,
בּלאַט אַן אָפּשײַן פון שטראַמל אויף זיין געל-פּאַרמיטן פּנים
ווײַזט גאר שיקן ווי טויבּן צום הימל די אויגן כּוונות.
ווי די שכינה וואָלט דורכגיגאַנגין מיט כּרובים אַ מחנה!
פאַלט אויפן וועג וואַונדערליכט, ווענדט זיך דער בּליק אָפּ פאַר פּחד,
גייט ער צום עמוד צו, טוט אָן דעם טלית, אַ יראה פעל וואַרטן:
פילט מען, מיר זענין נאר אַלע זיין הייליקער זײַדינער גאַרטל..

ווי אין אַן אויפרײַס פון טרערן, בּרעכט אויס דער רב און אַ הודו,
וועלן הערצער צובּראכן... בּאַלד שאַלט אויף אַ לכה-דודי,
ווערן הערצער דערפרייט, און ס-גייט דער נגון בּרבּים!
ענדיקט מען ס-דאַווינען שנעל: גוט שבּת. יידן, גוט שבּת!
איילט מען אַהיים נו, איז „שלום עליכם...“ און „צאתכם לשלום“...
איז מען גישט מאַריך בּיים קידוש און נישט בּיי די הייסע מאכלים,
זמירות זאָגט מען נישט, בּענטשן אויך ווערט מען בּיים טיש פונים רבּין,
און מלויפט שוין אַהין... און די ווייבּלעך אַליין בּלײַבּן, נעבּעך.

בּלײַבּן די ווייבּלעך אַליין... מ-האט נישט בּאַמערקט זיי אפילו!
נישט די פּע ל-שטערנטיכלעך, נישט זייער ווייסע אַצילות,
נישט דעם צנועות-דיק זוניקן שמייכל אויף ליכטיקן פּנים
מיט דעם זיבּיטן חן צוגיטראָגן דעם מאַן אַ מתּנה.

• • • • • • • • • • • •

ארכיון אספות

נאר נישט פאַרזונדיקן זיך... גילויבּט דער שהשמחה בּמעונו!
עצבות? רחמנא ליצלן! בּיי קודשא-בּרוך הוא מיר וואוינין!
קומט דער צדיק אַריין און זאָגט שוין „שלום עליכם“ —
בּוימל פון מקור הרחמים גיסט און זיין קול זיך. אין ווייכן,
פונים באַצוואונגינים חומר איז ער גיוואָרן נתעלה,
שטייט ער הייליק און ריין אַקעגן זיין הימלישער כּלה
און ער איז זי מקדש כּדת און גיט איר די כּתובה:
ס-גאַנצע האַרץ און די גאַנצע נשמה האט ער איר פאַרשריבּן!

אתקינו סעודתא דמהימנותא... גרייט מיר די גלויבּיקע סעודה,
פונקלט דער ווײַן אויף די ליכט און איבּער זיי הויכן יחודין,
ס-איז דער טיש אַ מזבּח, די חלות — לחם הפּנים.
און דער כּהן גדול איז מקריב די זיבּן-מאָל לויטערע כּוונה...
וועלבּט זיך דען נישט איבּער אונדז דער הימל, בּלישטשין נישט שטערן?
יא, יוגנט-מלמד מײַנער מיי גוט דו האסט מיך גילערנט:
— קדושים תּהיו... ס-טײַטש, פרעג איך קדושים? — הייליק. — ס-טײַטש הייליק?
— דאָס קען נאר דער פאַרשטיין, וואָס אַליין דרינגין אַ חלק...

# קונסט און קריטיק

פון יחיאל פײַנער

אויסשניידן דאָס גאלד-באַפּעדערטע העלזל פון די
אַכטיגאַל, און וועלן אָנטאַפּן איר גיזאַנג בּידים;
אויפליקן די רויז, די בּלום, די כּריזאַנטעם און
וועלן מיט אַ פאליפ-נאָז דערשפּירן איר דופט:
למה הדבר דומה? צו אַ כירורג אין ווייסן כאַלאַט
מיט אַ וויזווי סעקציע-מעסער אין האַנט וואָס טרעט
צו פאַלמיסין די נשמה פון אַ ביכל לידער..
דאָס האַרץ פונים דיכטער, איז אַ קדשי-קדשים, א
סודותדיק פאַרבּאָרגן גיצעלט, וואוהין ער זעלבּסט
קומט אויך נאר דאָרט אַריין אין זעלטינע אויס-
גיבּענקטע מינוטן. דאָרט הענגט אַ גאָלדינע סטרונע,
אַ לירע.
דאָס האַרץ פון דיכטער איז אַ בּלאָער ים-שפּיגל,
וואָס אַ זײַטיק אויג דערקענט נישט ווען שטורמדיקע
כוואַליעס וועלן זיך צורוישן און דער שפּיגל וועט
צו בּראַזגיט ווערן.
אַ קאָנצענטראַציע-רעזערוואָאַר, אַ קאַבּל פון טויזנטער
אָנגיקנופּטע פּעדים — איז דעם דיכטערס כּוח-
הדמיון. ס-וועבּט-זיך, ס-שפּינט-זיך, ס-פלעכט זיך:
עפּיס האט זיך אָנגיצינדן, עפּיס בּרענט, אַ פייער,
אַ פלאַם, אַ פלאַקער! —
ס-איז דאָס מעכטיקע גיפיל פון אַ שאַפנדיקער
תּקופה.
אַזוי ווערט דער דיכטער בּאַפרוכפּערט, מיטגריסן,
און פאַרכליניט זיך ווי אַ דערטרונקינער אין ים
פון גלאַקישער צעטרייסלונג. ער וויקלט זיך אין
כוואַליס פון שאַפנדיקער סטיכיע. ער טרינקט דעם
תּוהו ובוהו פון אַ מעכטיק גיפיל. און ס-טוט אַ
ציטער די גאָלדינע סטרונע אינים דיכטערס האַרץ.
קלאַנגין צופליסן אין שטורמדיקע עמאציעס. אַ גי-
היימע האַנט נעמט אַראָפּ מיט פייערדיקע צוואַנגין
די גליענדיקע קויל פון שאַפנדיקן מזבּח, און בּארירט
מיט איר די ליפּן פון קינסטלער, און טרייסט אים,
און יאָגט אים ווי אַ מורא-דיקער פּאַטוס. ער וואַרגט
זיך אין אויסגיבּענקטע יסורים פון די חבלי-לידה.
עפּיס ציטערט אויף, ווערט רייף. אַ בּליץ, רוחניות-
דיקער אָפּגלאַנץ, סוד-התקשרות...
און ס-פּלאַצט אויף דעם דיכטערס טראַכט. אויפ-
גיפראַלט די טירן פון זיין פאַרבאַרגינים קדשי-
קדשים —
דער דיכטער שפּייט אויס אַ ליד...
און קומט צו גיין אַ קריטיקער מיט לאַנישע כראַסט-
קיס אין זיינע גיהירן, מעג ער האבּן אַ שטאָלינים
מוח מיט צען טויזנט גיצייכנדלטע רעדלעך אין קאָפּ,
קוים קאָן ער נישט איבּערלויפן דעם דיכטער צום
העכסטן שפּיץ פון זיין גאָלדינער פּייל, זאָל ער ויין
וואָרט צורייבּן אונטער די ציין!
קריטיק הייסט: איבּערדיכטן דאָס ליד פון אַ
פרעמדן חלום, קאָן אבּער דער קריטיקער נישט אַ
דורכדרונגין דעם בּלאָען שפּיגל פון דיכטערס נשמה;
אויבּ קאָן ער זיך נישט אַראָפּלאָזן אונטער די שטורמ-
דיקע כוואַליעס פון דיכטערס. שעפערישן גייסט און
דאָרט זען די חזיונות פון אַטאָם; דעם עמבּריאָלאָ-
גישן סדר! דעם שמן-זית, וואָס בּרענט אין דער
מנורה פון דיכטערס נשמה —
אַזאַ קריטיקער זאָל די פּען בּרעכן!



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 068-067 a הודפס מתוך הארכיון היהודי עמוד 19 מתוך 46